22 געשיקט. אויב איך וואָלט נישט געקומען און גערעדט
צו זיי, וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין זינד; איצט
אָבער האָבן זיי נישט קיין אויסרייד פאַר זייער
23 זינד. ווער עס האָט מיך פיינט, דער האָט אויך
24 פיינט דעם פאָטער מיינעם. אויב איך וואָלט נישט
געטון צווישן זיי די מעשים, וואָס קיין אַנדערער
האָט נישט געטון, וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין
זינד; איצט אָבער האָבן זיי געזעען (די דאָזיקע)
25 און האָבן מיך דאָך פיינט און דעם פאָטער מיינעם.
נאָר (דאָס געשעט), כדי עס זאָל מקוים ווערן דאָס
וואָרט, וואָס שטייט געשריבן אין זייער תורה:

מיט אַ שנאת חנם האָבן זיי מיך פיינט געהאַט.

(תהלים לה, יט.)

26 ווען אָבער דער פּרקליט וועט קומען, וועמען
איך וועל שיקן צו אייך פון מיין פאָטער, דעם גייסט
פון אמת, וואָס קומט אַרויס פון דעם פאָטער, וועט
27 ער עדות־זאָגן וועגן מיר; און איר וועט אויך עדות־
זאָגן, ווייל איר זענט געווען מיט מיר פון אָנהויב
אָן.

## קאַפּיטל זעכצן

1 דאָס האָב איך צו אייך גערעדט, כדי איר זאָלט
2 נישט נכשול ווערן. מען וועט אייך לייגן
אין חרם אַריין; יאָ, עס קומט אָן אַ שעה, אַז
יעדער איינער, וואָס וועט אייך הרגענען, וועט מיינען,
3 ער דינט ג־ט מיט דעם. און דאָס וועלן זיי טון,
ווייל זיי האָבן נישט געקענט דעם פאָטער, און
4 נישט מיך. און דאָס האָב איך גערעדט צו אייך,
כדי ווען די שעה וועט קומען, זאָלט איר זיך דער־
מאָנען דערין, אַז איך האָב עס אייך געזאָגט. איך
אָנהויב אָבער האָב עס אייך נישט געזאָגט, ווייל